ווייטע קומט אן

א ראמאן פון אמעריקאניש-אידישען לעבען

פון עליאס טאבענקין

אידיש פון
ערא

(זיבעצעהנטע פארטזעצונג)

איינמאהל האט זיך ווייטע צורעדט מיט איהם איבער אידישע געשיכטע, און אלעקס האט איהם אנגעקוקט ווי א ווילדער. ער האט קיין ווארט ניט געוואוסט וועגען די פראגען און פראבלעמען, וועלכע האבען אינטערעסירט די דענקער און די פיהרער פון זיין ראסע. זיינע בליקען איבער רעליגיאן זיינען געוועזען א געמישאכץ פון אונוויסענהייט און ציניזם.

אהרן האט איינגעזעהען, אז עס וועט ניט זיין קיין גייסטיגע קרובה'שאפט צווישען איהם און אלעקס'ען, טראץ דעם איז ער געוועזען צו גוט, אום ער זאל איהם קענען צוריקווייזען, און ווייטער, — דא איז דאך ניט אייראפא, דא קלייבען דאך ניט קיין עלטערען אויס די מענער פאר זייערע טעכטער. קלארא איז געוועזען די איינציגע וואס האט געהאט איבער דעם צו זאגען, און עס איז דארום געוועזען א גאנץ לייכטע זאך פאר דיעזען יונגען מאן, וועלכער איז שוין אויסגעוועזען יעדע גרויסע שטאדט אין די פעראייניגטע שטאאטען, צו בעצויבערען דאס מיידעל, וועמעס ידיעות וועגען אמעריקא זיינען ניט געגאנגען ווייטער ווי ספרינג וואטער.

דעם זעלבען אבענד, נאך אהרן'ס און מאשעס געשפרעך, האט קלארא פערטרויט איהר מוטער, אז אלעקס שטיין האט זיך איהר ערקלעהרט אין ליעבע.

,,און ער וויל אז איך זאל זיין א ''דזשונבריד'', האט זי צוגעגעבען דאס בלוט קומענדיג איהר אין פנים אריין.

קלארא איז געווארען א כלה, און סוף זוני האט זי חתונה געהאט. דיעזער דאטום איז אויסגעקליבען געווארען צוליעב עמיל'ן, וועלכער האט געדארפט גראדואירען פון דער שול, דעם נייגצעהנטען פונ'ם חודש, און אהרן ווייטען איז די גראדואירונג פון זיין זוהן געווען אזא וויכטיגע פאסירונג ווי דער טאכטערס חתונה. ווייטע האט שטארק געליעבט זיין איינציגע טאכטער, אבער די שמחה פון דיעזער פאסירונג איז אביסעל פאר איהם צושטערט געוועזען, ווייל טיעף אין הארצען האט ער בעטראכט ווי א קללה, די לויפערישע שטריכען פון אלעקס שטיינס כאראקטער.

אז זיין פרוי האט איהם געצייגט דאס נייע קלייד, וואס דער שניידער האט נור וואס געבראכט פאר קלארא'ן, האט אהרן אויפריכטיג געפרובירט צו פעראינטערעסירען זיך מיט דעם. ער האט געזוכט צו פרעהען זיך מיט דער טאכטערס קומענדער חתונה אבער זיין הארץ האט אויף דיעזער פרייד ניט געענטפערט. זיין געדאנק פלעגט נאר דאמאלס אפט אוועקוואנדערען צום בוידעם שטיבעל, וואו עמיל איז געזעסען פערטיעפט אין זיינע ביכער, צוגרייטענדיג זיך צו די עקזאמענס.

עמיל, שוין יעצט א בחור פון אכצעהן איז געוועזען א בלייכער און א דארער. זיין גאנצער געבוי האט אויסגעקוקט ווי בעלאדען מיט צרות. די ארבייט זיינע איז איהם ניט אנגעקומען ש. גר. אבער עס האט שוין אזוי פאסירט, אז די לעקציעס, אנשטאט צו זיין דאס ערשטע ביי איהם, האבען פערנומען א לעצטען פלאץ, זייענדיג אין זיין געדאנקען-וועלט א סארט נעבען-פראדוקט. ער איז מעהר פעראינטערעסירט געוועזען אין די ביכער, וועלכע ער האט גענומען אין דער ביבליאטעק, און וועלכע ער האט געשלונגען מיט א גרויסען אפעטיט.

די ביכער, וועלכע ער האט געלעזען זיינען געוועזען אזעלכע, וועלכע זיין לעהרער וואלט אנגערופען, אז זיי האבען ניט קיין שייכות מיט איהם. ער האט געלעזען בעלעטריסטיק, געשיכטע, פילאזאפיע. טורגעניעוו האט ווידער אויפגעבויט פאר איהם רוסלאנד, די רוסלאנד וועלכע האט אנגעהויבען צו פערשווינדען פון זיינע זכרונות. קארלייל האט מיט זיינע פערשטעלונגען וועגען דער גרויסקייט און די שרעקען פון דער פראנצויזישער רעוואלוציאן, איהם בעהערשט, און באקל האט איהם ערקלעהרט פיעל זאכען. וועגען וועלכע דער פעטער שמעון האט מיט איהם גערעדט.

אלעקס שטיין, האט נאר וואס געהאט פערנומען א פלאץ אין דער ווייטע מישפחה, און שוין האט ער זיך אנגעהויבען אריינצומישען אין זייערע עסקים, ער האט געזוכט אויף יעדען מיטגליעדער ארויפצוצווינגען זיין ווילען, צו הערשען מיט יעדען איינעם און מיט אלעם. דערווייל האט ער זיך גענומען צו עמיל'ן. עס איז געוועזען צוליעב דער פראגע, וואס פאר א שטודיום עמיל זאל אויפנעהמען אין דעם אוניווערזיטעט.

ביי דער ווייטע פאמיליע איז עס שוין געוועזען א בעשלאסענע זאך, אז עמיל וועט שטודירען אין דעם אוניווערזיטעט. ביי אהרן ווייטע איז דאס נאך געוועזען בעשטימט מיט צוויי יאהר צוריק, ווען זיין ברודער שמעון איז נאך געוועזען מיט איהם צוזאמען.

,,עמיל'', האט איינמאהל דער יונגערער ברודער געזאגט צו אהרן'ען ,,איז א שטילער, אבער דיעזע שטילקייט איז נאר נאך אן אויסדרוק פון זיין כאראקטער. ער בעזיצט אבער ווילען און קראפט.

אהרן האט גוט געזעהען זיין זוהנ'ס אלע מעלות, אבער עס האט איהם הנאה געטהאן צו הערען דיעזע ווערטער פון שמעונ'ס מויל.

,,איינגלאך, מענשען פון עמילס כאראקטער און טיפ'', האט שמעון פארטגעזעצט ,,פערשטעהט מען אפט שלעכט און מען אורטהיילט זיי ניט ריכטיג. די מעהרסטע מענשען קענען נאר דאן זייער קראפט, ווען עס מאניפעסטירט זיך אין א שטארקען ארעם, אטלעטישען אויסזעהען, אדער דרייסטע שטריכען. אויף דער וועלט איז אבער פאראן נאך א קראפט, א מעהר בעפרוכטבארע קראפט, — די קראפט וועלכע שטעלט זיך פאסיוו געגען און פערטראגט געדולדיג. עמיל בעזיצט דיעזע קראפט.''

וועלכען קורס ער זאל נעהמען, וועגען דעם האט ניט עמיל און ניט דער פאטער נאכגעדאכט. עס איז געוועזען אלעקס שטיין וועלכער האט א וואך נאך דער חתונה אנגעהויבען וועגען דעם צו רעדען.

עמיל האט אויף דעם געקוקט, ווי מען וואלט איהם דא אויפגעוועקט פון אן אנדער וועלט. ער האט געוואוסט, אז עס זיינען פערהאן פערשידענע קורסען אינ'ם אוניווערזיטעט. ער האט אויפמערקזאם דורכגעבלעטערט דעם קאטאלאג פון דיעזער אינסטיטוציע. פערזענליכע בעקאנטשאפט אבער מיט דיעזער אינסטיטוציע איז צו איהם געקומען דורך דער פערמיטלונג פון מר. סענבארן, זיין לעהרער פון לאטיין.

די סטודענטען פונ'ם ערשטען און צווייטען יאהר פון די לאטיינישע קלאסען האבען ניט איבעריגענס ליעב געהאט מר. סענבארן, דערפאר אבער, האט ער זיי אויסגעוויזען שוין מעהר מענשליך, ווען מען האט געלערענט ציצערא און ביי ווירגיל'ן, האט דיעזער רוימישער פאעט נאך לעבעדיגער געמאכט דעם לאטיינישען לעהרער. עמיל האט זיך אין זיין לעצטען יאהר אפט געוואונדערט איבער דעם טויש, וואס האט פאסירט מיט דעם טרוקענעם דארליכען מר. סענבארן אינ'ם ווירגיל קלאס. דער לעהרער האט זיך דא אומישנע געמאכט ניט זעהענדיג די גראמאטיק. עס האט איהם ניט געארט דער סינטאקס און האט בלויז געלעזען דעם לאטיינישען דיכטער, האבענדיג אליין הנאה פון איהם, און מאכענדיג אז זיינע שילער זאלען אויך פון איהם הנאה האבען.

די פארלעזונגען פון ווירגיל'ן פארן קלאס האט ער בעגלייט מיט בעמערקונגען און אנעקדאטען וועגען דעם אוניווערזיטעט, וועגען דעם אלטען פראפעסאר. אמאל פלעגט ער בעשרייבען פארן קלאס דעם פראפעסאר — דעם אלטען בער, ווי ער האט איהם גערופען, און ווי ער האט געקענט לאטיין.

סאנבארן פלעגט אמאל זיין קלאס פערטרויען, אז ער דענקט צוריקצוציהען אין דעם אוניווערזיטעט, און נעהמען א ווייטערען שטודיום אונטער זיין אלטען בערישען פראפעסאר, וועלכער איז דער בעסטער לעהרער אינ'ם גאנצען לאנד איבער דיעזען למוד. אין א יאהר אדער צוויי דענקט ער צו בעקומען זיין דאקטאר דיפלאם.

(פארזעצונג קומט)

טהעאטער נייעס

אין לאועס טהעאטער

אין לאועס טהעאטער וועט היינטיגע וואך געוויזען ווערען צוויי גרויסע וואדעוויל ,,העדליינס'', איינער איז די גרויסע מוזיקאלישע רעוועריע א ,,פייער סייד'' און וועלכער עס נעהמען אנטייל דריי מענער און פיער מיידלאך, און די צווייטע איז דער כאראקטער סקעטש ליטיל דאקטאר לאוו'' אויסגעפיהרט פון דארטהי בארטאן און וועלכער איז ספעציעל געשריבען פאר איהר פון פרענסיס נארדסטראם.

עס וועט אויך לעסטער בערנארד צוזאמען מיט פרענק לאיד אין זייער קאמישען סקעטש מיטן נאמען וואנדערט זיך צו מיין לאיער''.

קעני און ראוז פון שיקאגא וועלען דאס ערשטע מאהל ערשיינען דא אין א רעוויאו פון נייע ליעדער.

קארנעליא און אדעלא אקראבאטישע טענצער.

גאסטאן פאלמער א דזשאנגלער און דזשאו ראבערטס א באנדזשאויסט צוזאמען א פינף אקטיגע פאטא פליי אין וועלכער עס ערשיינט מיס ווירדזשיניא פירסאן אין דער ראלע פון א שוועסטער געגען א שוועסטער וועלען צוזאמען שטעלען דעם פראגראם פון היינטיגער וואך.

עס וועט אויך זיין א קאמעדיע די בוטשער באי.

אין היפאדראן.

אויף דעם פרעהליכען און גוט באלאנסירטען פראגראם פון היינטיגער וואך אין היפאדראם טהעאטער וועט ערשיינען אלס די העדליין די נאולאן טרופע אין זייער סקעטש א טאג אין א צירקוס'' דאס איז אן אמת'ער צירקוס מיט לוסטער אקראבאטען און אנדערע גוטע זאכען

וויליאם דעסמאנד וועט ערשיינען אין דער פאטא פליי פעדי אהארא אין דער ראלע פון א מלחמה קארעספאנדענט פונם וועסטערן פראנט.

לוא און אמעליקא זענען מוזיקער און זינגער פון פאוואיא.

קאנערס און פאליע זענען גוטע זינגער און טענצער מיט אן אקט וועלכער ענטהאלט ביידע זאכען.

די סטראוד טריא זענען אן אלזייטיגע קינסטלער דזשעמס אווארט זענען א מערקווירדיגע שטיק קונסט פון עלעקטריטעט וואס די היפאדראם האט ארויסגעשטעלט. אלבערי און טראי אין זייער קאמישען סקעטש דער קאנדוקטאר און דער אינזשעניער.

די קיעסטאן פילם קאמעדיעס פאר ענדיגען דעם פראגראם.

,,אויף שמחות און אונטערהאלטונגען''

תלמוד תורה יצחק יעקב רייגעס קוויטירונגען

אויף א פדיון הבן ביי מר. קיסלאק 34 ארטהורסט. איז געזאמעלט געווארען $7.30 און דער כהן מר. ישראל גאלדמאן בוטשער פון 59 ארטהור סט. האט זיינע $5.00 אויך געשיינקט, איז געווארען א סומע פון $12.30; איז $6.15 געגעבען געווארען פאר די מלחמה קרבנות. און $6.15 פאר דער תלמוד תורה בית יעקב רייגעס. די תלמוד תורה ווינשט מזל טוב אלעמען, די מנדבים און מארפים.

יצחק סטארקמאן, פרעזידענט.
קארן, סעקרעטער.

10712 5 8

אויף א ברית ביי וויליע פאלאק 3 קעמעראן פליים איז געזאמעלט געווארען $5.10 פאר די מלחמה קרבנות. די געלד האט אוועקגעטראגען דער בעל ברית.

3727)

אויף א פארטי פון די ארבייטער פון מאדעל - דרעס איז געזאמעלט געווארען 10 דאלאר פאר די פרין - היימען אין די מלחמה לענדער. דאס געלד איז איבערגעגעבען געווארען צום מלחמה קאנפערענץ דורך מר. איזי יודאשקין.

איינינע ארבייטער פון די אמעריקאן העט קאמפאניע האבען צווישען זיך געזאמעלט $3.10 פאר די פרין היימען אין די מלחמה לענדער. דאס געלד איז איבערגעגעבען געווארען צום קאנפערענץ דורך מר. קאמאי.

מר דארא זענט 202 און א האלב טשעסטנאט סט. האט דאנייטעט 2 דאלאר פאר די מלחמה קרבנות.

דער ברענטש 72 נאציאנאלער ארבייטער פערבאנד האט געצאהלט די 75 דאלאר, וועלכעס זיי האבען פערשפראכען אין מעסעי האל צום 30 טויזענד דאלאר פאנד פאר די מלחמה קרבנות.

דער וועכענטליכער קאלעקשאן פאר די מלחמה קרבנות פון דיעזען זונטאג איז געווען 305 דאלאר מיט 90 סענט.

מרס. גאלדשטיין פון 126 מארקהעם סט. האט בייגעשטייערט 1 דאלאר פאר די מלחמה קרבנות.

10719—5—8)

פערלאנגט א פעהיגען יונגען מאן זאל קענען אידיש און ענגליש פרעגען אפיס פון ,,זשורנאל''

אמעריקאנער אייזענבאהן קאמיסיע פאהרט נאך רוסלאנד

די צווייטע קאמיסיע מיט רוט'ן אלס טשערמאן וועט ארויספאהרען שפעטער.

וואשינגטאן, מאי, 7.

פרעזידענט ווילסאן וועט די וואך ערקלעהרען אין וואס די נייע רוסלאנד נויטיגט זיך פאר אן אמעריקאנער אייזענבאהן קאמיסיע וועלכע פאהרט אב אין קורצען נאך רוסלאנד.

די צווייטע קאמיסיע פון וועלכער סענאטאר רוט איז דער טשערמאן וועט ארויספאהרען שפעטער.

ביז וואנען די קאמיסיע וועט אנקומען אהין פערלאזט זיך די אמעריקאנער רעגירונג אויף דער אמעריקאן פעדערייש'אן אף לייבאר וועלכע זאל אויפקלעהרען די רוסישע ארבייטער וועגען דעם צוועק פון דער קאמיסיע נאך רוסלאנד.

דאס ווערט געטהון ווייל מען האט זיך דערוואוסט, אז אין רוסלאנד ווערט שטארק אגיטירט געגען דער קאמיסיע, פון וועלכער רוט איז דער טשערמאן.

וואס דזשעראַרד זאגט וועגען דייטשלאנד.

שיקאגא, מאי, 7.

פאר א פערזאמלונג פון איבער 1350 מיטגליעדער פון דער ,,באר אסאסיאישאן'' האט דער געוועזענער אמעריקאנער אמבאסאדאר אין דייטשלאנד דזשעראַרד ערקלעהרט, אז אמעריקאס אריינטריט אין דער מלחמה איז א זעהר ערנסטער שריט און טאהר ניט גענומען ווערען לייכט

ער האט פארענדיגט זיין רעדע מיט די פאלגענדע ווערטער:

עס ווייזט אויס אז דאס אמעריקאנער פאלק רעאליזירט ניט ריכטיג די ערנסטקייט פונ'ם קריזיס, זיי רעאליזירען ניט אז מיר זענען יעצט אין מלחמה מיט דער גרעסטער מיליטערישער מאכט פון דער וועלט, און אז דיעזע מאכט איז נאך ווייט ניט געבראכען.

MAPLE LEAF THEATRE
קארנער עליזאבעטה און קווין סטריט
ספעשעל אטרעקשאן
קימענדען מאנטאג, דינסטאג און מיטוואך, 7-טען, 8-טען און 9-טען
איזראעל זאנגוויל'ס אונשטערבליכע ערצעהלונג
די קינדער פון דער געטהא
מיט דעם גרויסען בראדוויי סטאר וויליאם לאקעי אין דער הויפט ראליע
דאס ערשטע מאהל געוויזען אויף פאפולערע פרייזען 10 סענט
פאסט אויף ווען די עפענונג קאפיטלאך פון דעם בילד ''די סוקריט קינגדאם'' מאנטאג דעם 14-טען מאי.

פאקטאר און שולמאן
בעריסטערס, סאליסיטארס
לאא אפיס
וועזלי בילדינג, 299 קווין סט. וועסט
קארנער קווין און דזשאהן סט.
טאראנטא.
טעלעפאן אדעל. 3157

נישטא קיין בעסערעס ווי א גלעזעל אוילבוים'ס טהעע

אויף פסח האט איהר זיך דאך געווים איינגעהאנדעלט אוילבוימס אמת יום טוב'דיגען טהעע, וואס איז כשר אפילו למהדרין מן המהדרין. ווייסט זשע אז דעם זעלבען גוטען טהעע פערקויפט אוילבוים אלע טעג פון א גאנץ יאהר.

אויב איהר ווילט בעווייזע, איז דער בעסטער בעווייז דאס וואס אוילבוימס טהעע ווערט יעצט געברויכט כמעט אין יעדען אידישען הויז, און אלע זענען צופריעדען. און ווייסט איהר פאר וואס — ווייל עס איז ניטא קיין געשמאקערע זאך ווי א גלעזעל אוילבוים'ס טהעע.

והגדת
דערצעהלט אלעמען, אז קיין בעסערעס ווי אוילבוימס טהעע איז ניט פאראן, און
לשנה הבאה
אין א יאהר ארום אבער וועט איהר געווים ניט קיין חרטה האבען, וואס איהר האט אנגעהויבען טרינקען דאס וואס אלע אנשטענדיגע מענשען טרינקען — א גלעזעל אוילבוימס טהעע.

צו בעקומען אין אלע אנשטענדיגע אידישע גראסעריס. קאנטרי ארדערס ווערען פינקטליך אטענדעט.

OELBAUM TEA Co.
15 Grange Ave. Toronto Ont
Phone College 3919

אורין
אויספליסונגען
קוריערט אין
24 שטונדען
יעדע פיעל האט
דעם נאמען
MIDY
SANTAL CAPSULES MIDY
היט זיך פאר נאכגעמאכטע

בלויז חזן
וולאדאווסקי
איז אנשטענדיג, ריין און פארזיכטיג
אלס מוהל
און אלס מסדר קדושין
אלע עלטערען פון קינדער זאלען דאס נעהמען אין אנבעטראכט ווייל דאס איז אין זייער אייגענעם בענעפיט. קאנטרי לייט קענען מיך אויך רופען אויף זייערע שמחות.
וואהנונג 62 בראנזוויק עוועניו, און טעלעפאן קאלעדזש 1076.
פיר ארימע אומזאנסט.

חזן מאנאוויטש

מוהל ומסדר קידושין

דארף זיך ניט ריהמען, אלע ווייסען, אז ער איז א קינסטלער.
קאנטרי לייט קענען מיר אויך ארדערען, אדרעס 233 בעווערלי סטריט. טעלעפאן קאלעדזש 2033.

אלע אידען דארפען וויסען דעם נייעם וואהנונג פון



הזן קאפלאן

73 בראנזוויק עוועניו איז די הויז און דער טעלעפאן נומער איז קאלעדזש 4149 איך וויל האפען דאס אלע מיינע פריינדע וועלען מיר פאטראנייזען מיט ביזנעס ווי בעפאר. איהר קענט מיר טרעפען צו יעדער צייט אין מיין אפיס 297 קווין סטריט, אפיס טעלעפאן אדעלייד 239 פרגעסט ניט אייער פריינד חזן קאפלאן
מוהל ומסדר קדושין

שעכטער'ס

סטאר איז דער איינציגער פלאטץ, וואו אלע אידען, האמילטאנער און פרעמדע קומען זיך צוזאמען. ס'איז א פלאץ וואו א יעדער איד (אדער פרוי) צו יעדער צייט בעקומט די בעסטע אויסקינפטע וואס איז איהם (אדער איהר) נוגע.

שעכטער איז דער איינציגער אין האמילטאן וואס קען צו יעדער צייט ארויסגעבען סיטיזען פייפערס, מערידזש לייסענס, געזעצליכע דאקומענטען, אויסשווערען אפידייוויטס, שאפען פאספארטען א. ז. וו.

שעכטערס סטאר איז דער איינציגער פלאץ אין האמילטאן וואו צו בעקומען אידישע צייטונגען און זשורנאלען, א גרויסען אויסוואהל פון נאציאנאלע און רעליגיעזע ארטיקלען ווי: סדורים, מזוזות טליתים, ציצית, מוזיק נאטען, ראמאנען, ביכער צו לעזען ביי דער וואך א. ד. ג. אויף א אפ - טו - דייט סטאק פון דריי-גודס, און מענס פורנישינגס. סטאר אפען יעדען אווענט.

געדענקט דעם אדרעס: שעכטער, קארנער יארק און פארק. טעלעפאן 5416 איין בלאק פון סיטי האל.

James L. SHEKTER
Justice of the Peace, Issuer of Marriage Licenses and Citizens Papers

אברהם קאהען
בארריסטער
נאטארי פאבליק
קאמישאנער פיר נעהמען
אפידייוויטס
Office, Sun Life Building
60 VICTORIA STREET
Main 2634
Residence, 7 Salem Ave. JUNCTION 1846

דר. ד. א. סיגעל
דענטיסט
קארנער סט. פעטריק סט. און ספעדיינא עוו. אפיס טעלעפאן קאלידזש 6079, הויז טעלעפאן קאלעדזש 6927

טעלעפאן קאלעדזש 611
דר. פריינק פ. מעקינטייער
דענטיסט
האט געמופט סאוטה-וועסט קארנער סט. פעטריק און מעקקאל סטריט, איבער די דאמיניאן באנק.
אריינגאנג פון - סיינט פעטריק סטריט

ביזנעס טשאנזשעס

ספעשעל

צו דער אידישער פאבליק פון טאראנטא
פארלירט ניט די געלעגענהייט און צאהלט ניט פאר אייער געלד קיין פראצענט. גראסערי ארדערס ווערען דעליווערט אין עני טייל פון דער שטאדט. קאנטרי ארדערס ווערען פינקטליך אטענדעט.
די ראיעל גראסערי קא. סט. פעטריק און קענזינגטאן עוו. טעלעפאן קאלעדזש 6214. אויטאמאביל דעליווערי.
10540—5—19

טייפרייטער ווערען פערדונגען. סמיטה פרעמיערס טייפרייטערס. מאדעלען נומער 2, דריי מאנאטען פאר פינף דאלאר. ווייזיבעל מאנדלין דריי מאנאטען פאר $7.50.
נעשאנעל טייפרייטער קאמפאניע, 78 וויקטאריא סטריט.

אויב איהר ווילט אייער קינד זאל קענען גוט דאווענען און אידיש שרייבען שיקט איהם אויף 3 מאנאט צו סיימאן 74 עליזאבעטה סטריט.
10444—5—17)

צו די אידישע רעג פעדלערס פון טאראנטא! איך, דער אלטער לאנדאנער סוחר קויף אלטע ליידים שיך. ציבעלמאן 55 קענזינגטאן עוו.
10495—5 —15-

איך פיינט און פייפער פאר $2.50 א רום, סאקאלסקי 45 לעאנארד עוועניו לאזט מיר וויסען ביי פאסט קארט.
10573—5—24

דעכער צו פיקסען
אלערליי שינדעלס גראוויל, פייפער, ביליגע פרייזען מיט גאראנטי. פרעגען יוסף מאנהיים 80 באלדווין סטריט. טעלעפאן קאלעדזש 7218.
10553—5—20

דעכער צו פיקסען
ביליגע פרייזען צו פיקסען דעכער, סלייט שינדעל גראוועל און פייפער. א. מאנהיים און סאנס 130 יוראן סטריט טעלעפאן קאלעדזש 6998.
10619 5 27

איך פייפער און פיינט מיט די בעסטע פיינט און שעהנסטע פייפער צו דיא ביליגסטע פרייזען און גאראנטיר צופריעדענהייט.
סעם קאטין 56 אגוסטא עוועניו. טעלעפאן קאלעדזש 6642
10498—5—16

פאטראניזט די איינציגע אידישע ווינדא סלינינג קאמפאני

NEW YORK WINDOW CLEANING CO.
NY WINDOW CLEANING CO.

מיר אטענדען צו אלערהאנד הויז, פעקטארי, אפיסעס און סטאר קלינינג. בעסטע ארבייט צו די ביליגסטע פרייזען. מיר מאכען קאנטראקטען מאנאטליך און יעהרליך. 10 טעראלי סטריט. טעלעפאן אדעלייד 3087 ביינאכט און זונטאג טעלעפאנירט קאלעדזש 4319
NEW YORK WINDOW CLEANING COMPANY, - 10 TERAULEY ST

ארבייטער פערלאנגט

פערלאנגט מענער פאר אונזער קענינג דעפארטמענט און פאר אלערליי פעקינג ארבייט פרעגט וויליאם דייוויס קא. לימיטעד 521 פראנט סט. איסט

אן עקספיריענס בוכהאלטער, וועלכער קען די קונסט פון קאנטראלירינג אקאונטס און אדזשאסטמענטס זוכט א פאזישאן אלס מענעדזשער אין א ביזנעס פליים אדער פעקטארי. נאכפרעגען שריפטליך אין באקס ,,זשורנאל'' 388.
10542—5—19

פערלאנגט אן עקספיריענסד בארבער צו געהן נאך האמילטאן געצאהלט 15.00 איבער 21.00 דאלאר א וואך נאכפרעגען 74 יארק סט. האמילטאן אנטריא.
10679 5 8

פערלאנגט א שוסטער פאר ריפערינג, פרעגען 24 מיטשעל סט.
10710 5 8

פערלאנגט האנט נייערס פאר מענער קאוטס. פרעגען שייווערמאן 518 קווין סט. וועסט.
10716—5—9)

פערלאנגט פענטס אפערייטערס און פינישערס סטעדי ארבייט העכסטע וויידזשעס. פרעגען מאדעל קלאדינג קא. 1 מיקאל סט.
10718—5—10)

פערלאנגט אפערייטערס פאר וועסטס. פרעגען קארנער מארקהאם און קאלעדזש סט. ארט טיילערינג קא.
10720—5—9)

צו פערענטען

צו פערענטען א שעהנעם פלעט פון דריי אדער פיער רומס מיט אלע קאנוויניענס
נאכפרעגען אין 65 בארדען סט.

צו פערענטען א זעהר שעהנעם פלעט פון 3 אדער 4 גרויסע, ליכטיגע רומס, מיט פרייע עלעקטריק און טעלעפאן, אויך אלע אנדערע קאנוויניענס. נאכפרעגען אין 76 בראנסוויק עוו.
10713 5 9

צו פערענטען א פלעט פון 3 רומס מיט אלע קאנוויניענס, 66 וואלסלי סט. מעסיגע רענט.
10714—5—10

צו פערענטען א הויז פון 6 רומס, אלע בעקוועמליכקייטען אין נומער 5 קעמעראן סטריט לעבען קווין סט. נאכפרעגען 153 יארק סטריט.
10705—5—8

צו פערענטען איין רום מיט אלע קאנוויניענס אין א אפארטמענט הויז ביי א פריוואט פאמיליע. מעסיגע פרייזען. פרעגען נאגנבאר 91 גריינדזש עוו.
10706—5—8)

ביזנעס קויפען און צו פערקויפען

צו פערקויפען א סעקאנד הענד סטאר זעהר ביליג נאכפרעגען 871 קווין סט. וועסט פאן אדעלייד 2696
10 83 5 10

צו פערקויפען 2 סטארס אין קווין סט. וועסט 703 און 703½, אורזאכע איך וויל זיך צוטיילען מיט מיין פארטנער. צו יעדער סטאר איז דא 4 רומס מיט אלע קאנוויניענס און סטייבעלס מיט בעק ליין אויפ'ן בעסטען פלאץ ניר באטהורסט, א גרויסער בארגיין, און מיט א קליינעם איינצאהלען און לייכטע פיימענטס. איך קען דאס אויסבייטען אויף א פריוואטע הויז. נאכפרעגען 125 ענגעס סטריט רובינשטיין. טעלעפאן מיין 4704
10708 5 21)

איך וויל פערקויפען מיין גראסערי סטאר און ווער עס וועט דאס קויפען וועט מיר דאנקען, איין פארטיגע פרנסה און ביזנעס 10 יאהר איינגעטרייט מיט א ליס אויף דאס בילדינג. זיך צו ווענדען צו ב. קאופער 248 קינג סט. איסט.
10715—5—0)

צו פערקויפען איין קאמפליט פענס שאפ מיט 4 נייע מאשינען, סויטש מאשינען און טעק מאשינען אויף א פרעס מאשין, מיט א מאטאר און טייבעלס. פרעגען 380 אדעלייד סט. וועסט אדער 11 קעמעראן פליים אראל.
10722—5—13)

א גוטע געלעגענהייט
איינע פון די בעסטע בארבער שעפער אין טאראנטא מוז פערקויפט ווערען, א דריי טשער באבער שאפ אלעס קאמפליעט, טאבעקא אויך צו בעקומען. אורזאכע דער אייגענטהימער מוז פערלאזען טאראנטא. נאכפרעגען 3 מיקאל סט. קארנער קווין.
10717 5—9)

צו פערקויפען א גוטע איינגעטריטע גראסערי וועלכע מאכט פאר 3 טויזענד דאלאר א מאנאט ביזנעס מיט א גוטען קלינען סטאק מיט פיינע פיקטשורס, אורזאכע קען ניט אטענדען צוליעב אויסלענדישע שפראך. א גוטע געלעגענהייט צו דעם ריכטיגען מאן וואס קען אויסלענדישע שפראכען. מען דארף האבען 15 הונדערט דאלאר קעש. איהר קענט מאכען גוטע געלד. נאכפרעגען סקווערריעל גראסערי דזשאהן און סימקא, האמילטאן אנטריא.
703 5—8